Office of Children and Family Services

**טיטל:** **פראגע איבער אינטערעס, טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג**

**אגענטור:** **ניו יארק סטעיט קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( New York State Children and Family Services), אפטיילונג פון קינדער קעיר סערוויסעס**

**דאטום פון ארויסעבונג:** **אוגוסט 3, 2021**

**דאטום ווען פעליג\צייט:** **אננעמונג פון אפליקאציעס הויבט זיך אן 08/03/2021 און לויפט אויס אום 11/30/2021 11:59 PM**

**לאקאציע:** **אין די גאנצע סטעיט**

**קאונטיס:** **אלע NYS ראיאנען**

**הונטערגרונט**

דורך דעם פראגע פון אינטערעס, טוט די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (New York State Office of Children and Family Services - OCFS) אננעמען אפליקאציעס פאר טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונגען ערמעגליכט דורך פעדעראלע געלטער פארבינדן מיטן COVID-19 פאנדעמיק. נוצן געלטער פון די אמעריקאנע רעטונג פלאן אקט (American Rescue Plan Act -ARPA) און די קאראנאווירוס רעספאנס און רעליעף סופלעמענטל טיילונג (Coronavirus Response and Relief Supplemental Appropriations - CRRSA) אקט, טוט סטאביליזירונג געלטער פארשטעלן אן אומפאראויסגעזענע געלעגנהייט און אינוועסטמענט צו סטאביליזירן די טשיילד קעיר סעקטאר. דער דאקומענט שילדערט אלע בארעכטיגטקייטן און די ערלויבטע קאסטן פארלאנגונגען פארבינדן מיט סטאביליזירונג טיילונגען. OCFS רעזערווירט די רעכט צו טוישן די פאדערונגען און באדינגונגען פון דעם טיילונג געלעגנהייט און סיי וועלכע אפדעיטס צו דעם דאקומענט וועלן ווערן געשטעלט אויפן OCFS וועבזייטל.

OCFS וועט מאכן אוועילעבל $1.074 ביליאן אין די טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג פראגראם.

טיילונג באצאלונגען וועלן געמאכט ווערן דירקעט צום טשיילד קעיר פראוויידער. באצאלונגען וועלן געמאכט ווערן נוצנדיג א פארמולע וואס נעמט אין באטראכט דורכשניטליכע טשיילד קעיר פרייזן, מאדאליטי, געאגראפיע, מאקסימום, און גרויסקייט פון פראגראם. בארעכטיגטע פראוויידערס מוזן זיין OCFS לייסענסד אדער רעגיסטרירטע טשיילד קעיר פראגראמען, NYC ערלויבטע גרופע דעי קעירס (ארטיקל 47), אדער איינגעשריבענע לעגאלע עקזעמט גרופע טשיילד קעיר פראגראמען (איינגעשריבן מיט אן איינשרייבונג אגענטור). אלע פראגראמען מוזן זיין אין א גוטע צושטאנד מיט OCFS און/אדער NYC און מוזן צושטימען צו אויספאלגן אלע רעגולאציעס פון OCFS און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט אנבאלאנגט די פאנדעמיק ווי אויך אלע אנדערע באריכטן באדינגונגען צו ווערן באשטעטיגט פאר באצאלונגען.

צו מאכן די אפליקאציע פראצעס גרינגער, וועלן פראוויידערס זיך איינגעבן דורך איין אנליין אפליקאציע. טעכנישע שטיצע וועט זיין אוועילעבל דורך טשיילד קעיר רעסורס און רעפערעל (Child Care Resource and Referral - CCR&R) אגענטורן פאר אלע טשיילד קעיר פראוויידערס צו אויספולן די אנליין אפליקאציע, אין צוגאב צו אנדערע שותפים CSEA, UFT, און WHEDco. ביטע קליקט דא פאר אגענטור קאנטראקט אינפארמאציע.

## $1.07 ביליאן טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג  פראגראם

געלטער מעגן געניצט ווערן אין אכט קאטעגאריעס לויט ווי אויסגערעכנט דורך די פעדעראלע אפיס פון טשיילד קעיר. די געלטער וועלן ווערן באצאלט צו באשטעטיגטע פראוויידערס חודש'ליך אנגעהויבן אינערהאלב 30 טעג פון א באשטעטיגטע אפליקאציע צוטיילט אויף זעקס באצאלונגען.

די טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג אפליקאציע טערמין איז 08/03/2021-11/30/2021. אפליקאציעס וועלן כסדר ווערן אנגענומען ביז 11:59 PM אויף 11/30/2021.  פראוויידערס קענען באקומען נאר איין סטאביליזירונג גרענט פער לייסענסד/רעגיסטרירטע/ערלויבטע אדער איינגעשריבענע לעגאלע-עקזעמט גרופע טשיילד קעיר פראגראם. אויב א פראוויידער האט מערערע פאסיליטי זייטלעך, וועט מען דארפן אריינגעבן איין אפליקאציע פאר יעדע זייטל. איינמאל אן אפליקאציע ווערט באשטעטיגט, וועלן טיילונג צאלונגען ווערן ארויסגעגעבן צו פראוויידערס חודש'ליך פאר ביז 6 צאלונגען.  אלע צאלונגען צו בארעכטיגטע און באשטעטיגטע טשיילד קעיר פראוויידערס וועלן ווערן געמאכט פאר 9/30/2022.  צו זיין בארעכטיגט פארן טיילונג און צו ווייטער באקומען טיילונג באצאלונגען, דארף דער פראוויידער בלייבן אין א גוטע צושטאנד, אפען, און צושטעלן פערזענליכע קעיר. פראוויידערס האבן ביז 9/30/2023 צו מאכן סיי וועלכע צאלונגען פאר ערלויבטע סטאביליזירונג געלטער נוצן איינגעזאמעלט ביז 9/30/2023 אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען און באדינגונגען פון דעם טיילונג געלעגנהייט.

## ערלויבטע נוצן פון די טשיילד קעיר פראגראם סטאביליזירונג געלטער

צוועקן וואס זענען ערלויבט אונטער די פעדעראלע אנווייזונגען שליסן איין:

- שטאב קאסטן, אריינגערעכנט פעי ראל, געהאלט, ענליכע איינגעשטעלטע פארגיטיגונג, איינגעשטעלטע בענעפיטן, ריטייערמענט קאסטן, עדיוקעשינאל קאסטן, טשיילד קעיר קאסטן; און געשטיצטע שטאב אויסגאבן אין צוקומען צו COVID- 19 וואקסינען
- רענט (אריינגערעכנט אונטער א ליס אפמאך) אדער באצאלונג אויף סיי וועלכע ביזנעס מארגעדזש פליכט, יוטיליטיס, ביזנעס-פארבינדענע אינשורענס; מעג אויך אריינרעכענען שפעטע קאסטן אדער קאסטן פארבינדן צו שפעטע באצאלונגען  (אלע קאסטן מוזן זיין אנגעזאמעלט נאר ביז 9/30/2023)
- פאסיליטי מעינטענענס אדער פארבעסערונג, אפגעטייטשט אלס מינדערוויכטיגע רענאוועישאנס (אזויווי איבערמאכן בית הכסאות, צוגענגליכקייט פארבעסערונגען (אינסטאלירן ראמפעס, אוטאמאטישע טירן,) אריינגערעכנט דרויסנ'דיגע לערנען פלעצער/שפיל פלעצער, און מינדערוויכטיגע פארבעסערונגען צו אדרעסירן COVID- 19 זארגן (אזויווי אוועקנעמען נישט-לאסט פארנעמנדע ווענט צו ערלויבן פלאץ פאר סאשעל דיסטענסינג).
- פערזענליכע באשיצנדע געציג, רייניגן און סאניטעשאן געצייג און סערוויסעס, אדער טרענירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פארבינדן צו געזונטהייט און זיכערהייט פירונגען
- איינקויפונגען אדער אפדעיטס צו געצייג און סופלייס צו רעאגירן צו COVID-19
- פראדוקטן און סערוויסעס וואס זענען נויטיג כדי צו אנהאלטן אדער פארזעצן טשיילד קעיר סערוויסעס
- מענטל העלט שטיצע פאר קינדער און ארבעטערס
- געזונטהייט און זיכערהייט טרענירונגען פאר שטאב, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו CPR, ערשטע הילף, און MAT, טרענירונג פארבינדן מיט COVID-19

טשיילד קעיר פראוויידערס האבן געהאט מערקווערדיגע פינאנציעלע פארלוסטן כדאי צו קענען ווייטער צושטעלן סערוויסעס דורכאויס די פאנדעמיק. דערפאר, אונטער די אמעריקאנע רעטונג פלאן אקט אויטאריטעט, קענען פראוויידערס נוצן די סטאביליזירונג געלטער פאר קאסטן וואס

האבן זיך אנגעזאמעלט נאך יאנואר 31, 2020, ווי לאנג די נוצן זענען געמאכט געווארן צוליב די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי, אין סיי וועלכע פון די קאטעגאריעס אויבן, אויב די קאסטן זענען נאכנישט צוריקגעצאלט געווארן דורך אנדערע טיילונגען אדער פראגראמען, ארייגערעכנט NYS CARES טשיילד קעיר טיילונגען. פראוויידערס האבן ביז 9/30/2023 צו מאכן סיי וועלכע צאלונגען פאר ערלויבטע סטאביליזירונג געלטער נוצן איינגעזאמעלט ביז 9/30/2023 אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען און באדינגונגען פון דעם טיילונג געלעגנהייט.

## באצאל-פון-פריער און באצאלונג אינפארמאציע

באצאל-פון-פריער געלטער זענען נישט עווילעבל פאר די טיילונגען. צאלונגען וועלן זיך אנהויבן נאך דער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט. סך הכל סומעס וועלן ווערן צוטיילט אויף זעקס חודש'ליכע צאלונגען און וועלן געמאכט ווערן צו פראוויידערס וואס זענען אפען און שטעלן צו פערזענליכע קעיר און זענען "אין א גוטע צושטאנד" אין די צייט וואס יעדע צאלונג ווערט געמאכט.

צו באקומען באצאלונגען, מוז דער טשיילד קעיר פראוויידער פארזיכערן פארן זיך איינגעבן אז זיי האבן צוגעשטעלט צו OCFS (אדער זייער רעגולעיטאר) פונקטליכע פראגראם אינפארמאציע ארייגערעכנט לעגאלע איינהייט נאמען, אימעיל און פאסט אדרעס, TIN/SSN און/אדער פעדעראלע ID נומער.

## געלטער מעטאדאלדזשי פאר טיילונגען

נאכן ערהאלטן, וועט די אפליקאציע ווערן איבערגעקוקט עלעקטראניש און אויב בערעכטיגטקייט באדינגונען זענען ערפילט, וועט די אפליקאציע ווייטער גיין פאר באשטעטיגונג. אויב באשטעטיגט, וועלן טיילונג באצאלונגען ווערן ארויסגעגעבן צו יעדע בארעכטיגטע טשיילד קעיר פראגראם באזירט אויף זייער מאדאליטי, לאקאציע ראיאן, און מאקסימום לייסענסד/רעגיסטרירטע/ערלויבטע צאל אדער, פאר לעגאלע-עקזעמט גרופעס, די צאל פון סאבסידייזד קינדער אין קעיר. טיילונג סומעס ווערן אויסגערעכנט באזונדער פאר יעדע מאדאליטי; נעמענדיג אין באטראכט ברייטע ארטיגע מארקעט ראטעס לויטן ראיאן[1]; און מאקסימום/צאל קינדער. פאר פאמיליע דעי קעיר און גרופע פאמיליע דעי קעיר, וועט איין טיילונג סומע ווערן געגעבן פאר יעדע געאגראפישע ארט. פאר צענטער-באזירטע פראגראמען, וועלן טיילונג סומעס אויך ווערן גערעכנט באזירט אויף גרויסקייט פון פראגראם צו ערלויבן פאר מער באטרעפונג פון פארמינערטע איינשרייבונג פאר קלענערע פראגראמען, און די מעגליכקייט פאר גרעסערע פראגראמען צו אויסשפרייטן קאסטן. די אויסרעכענונג שטעלט צו פריאריטע פאר קלענערע פראגראמען וואס האבן מעגליך נישט צוטריט צו אנדערע שטראמען פון פארדינסט. באמערקט אז פארן צוועקן פון דעם טיילונג, איז מאקסימום פאר איינגעשריבענע לעגאלע-עקזעמט גרופע פראגראמען באזירט אויף די צאל פון קינדער וואס באקומען סובסידי און ווערן סערווירט דורך די פראגראם אין די OCFS טשיילד קעיר פאסיליטי סיסטעם (CCFS) און נישט די גאנצע פראגראם מאקסימום. מער אינפארמאציע וועגן טיילונג סומעס איז צוגעשטעלט אין **ביילאגע א.**

## בארעכטיגטקייט פאדערונגען

בארעכטיגטע פראוויידערס מוזן זיין לייסענד דורך OCFS אדער רעגיסטרירטע דעי קעיר פראגראמען, NYC ערלויבטע גרופע דעי קעירס (ווי געשילדערט אין ארטיקל 47 פון די ניו יארק סיטי העלט קאוד) אדער איינגעשריבענע לעגאלע-עקזעמט גרופע פראגראמען (איינגעשריבן מיט אן איינשרייבונג אגענטור). אלע פראוויידערס מוזן האבן זייער לייסענס/רעגיסטראציע/פערמיט אדער איינשרייבונג בריוו אום אדער פאַר מערץ 11, 2021 און זיין אפען און עוועליעבל צו צושטעלן

---

[1] 5 ;NYC דאונסטעיט קאונטיס וואס פארמירן מארקעט ראטע ראיאן 1; און די איבריגע טייל פונעם סטעיט, רעשט פון סטעיט (Rest of State - ROS), פארמירט מארקעט ראטע ראיאנען 2, 3, און 4

פערזענליכע טשיילד קעיר סערוויסעס אויפן דאטום וואס זיי געבן זיך איין פארן טיילונג. דאס רעכנט אריין פראוויידערס וואס האבן מעגליך נישט יעצט קינדער איינגעשריבן אבער זענען "אפען" און האבן שטאב צו צושטעלן קעיר. פאר פראגראמען וואס זענען צייטווייליג פארמאכט און שטעלן נישט צו פערזענליכע טשיילד קעיר סערוויסעס אויפ'ן דאטום פון אפליקאציע צוליב פובליק העלט אדער אנדערע סיבות פארבינדן מיט די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי, וועלן דארפן אויפווייזן אז זיי וועלן סערווירן קינדער פון 9/20/2021 אדער ביז 30 טעג פון אפליקאציע, וועלכע עס איז שפעטער.

פאר לעגאלע- עקזעמט גרופע פראגראמען, מוזן פראגראמען זיין איינגעשריבן פון מערץ 11, 2021 און האבנ'דיג סערוויט סאבסידי פאמיליעס, און זיין ווייטער איינגעשריבן און סערווירן פאמיליעס אוטערעזירט פאר סאבסידי אין די צייט פון אפליקאציע צו זיין בארעכטיגט פאר א טיילונג. פראגראמען וועלן ווערן גערעכנט אלס סערווירן פאמיליעס אויפן דאטום פון אפיליקאציע אפילו אויב זיי זענען צייטווייליג פארמאכט און שטעלן נישט צו פערזענליכע טשיילד קעיר סערוויסעס אויפ'ן דאטום פון אפליקאציע צוליב פובליק העלט אדער אנדערע סיבות פארבינדן מיט די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי.

העד סטארט, ערלי העד סטארט פראגראמען, און פאבליק באצאלטע פריK פראגראמען, וועלכע האבן אנדערע קוועלער פון פעדעראלע און שטאטישע שטיצע, וועלן דארפן אויפווייזן אז די סטאביליזירן געלטער וועלן ווערן גענוצט צו שטיצן טיילן פון זייער פראגראם וואס זענען באצאלט דורך אנדערע טיילונגען. פראגראמען וועלן באקומען געלטער אויף זייער לייסענסד/רעגיסטרירטע מאקסימום שטאפל.

צו זיין בארעכטיגט, מוזן אלע פראוויידערס זיין "אין א גוטע צושטאנד" וואס מיינט אז א טשיילד קעיר פראגראם וואס איז אין א באצאלונג סטאטוס וועלכע איז אדער לייסענסד/רעגיסטרירט/ערלויבט (NYC ארטיקל 47) אדער אייגעשריבן אין א לעגאלע עקזעמט גרופע פראגראם (איינגעשריבן מיט אן איינשרייבונג אגענטור), וואס אין די צייט פון דעם אונטערשרייבן אויף דער דערקלערונג איז נישט די טעמע פון אן אקטיווע ענפארסירונג שריט דורך די OCFS אדער די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און מענטל היגיענע (DOHMH).
אומבארעכטיגטע OCFS ענפארסירונג סטאטוסן ענטהאלטן:

- אפהאלטן פון לייסענס/ רעגיסטראציע
- באגרעניצונג פון לייסענס/ רעגיסטראציע
- אפהאלטן און פארגעשלאגענע צוריקציאונג פון לייסענס/ רעגיסטראציע
- פארגעשלאגענע צוריקציאונג פון לייסענס/ רעגיסטראציע
- אפזאג פון אפליקאציע צו באנייען לייסענס/ רעגיסטראציע

אומבארעכטיגטע DOHMH ענפארסירונג סטאטוסן ענטהאלטן:

- קאמישאנער'ס באפעל אפהאלטנדיג דעם פערמיט
- צייגן אורזאך הירינג
- אפזאג פון באנייאונג, צוריקציאונג פון פערמיט

פראגעס איבער די NYC ענפארסירונג סטאטוס זאלן ווערן איבערגעגעבן צו די NYC DOHMH.

אויב א פראייוודער האט אן ענפארסירונג סטאטוס ווען זיי געבן אריין אן אפליקאציע אדער סיי ווען דורכאויס די חודש'ליכע רעסערטיפיקעישאן פראצעס, וועט זייער אפליקאציע ווערן איבערגעקוקט פאר בארעכטיגטקייט און אנגייענדע בארעכטיגטקייט. טויש אין סטאטוס און ענפארסירונג קען פאראורזאכן פארשפעטיגונג אדער פארמינערונג פון די סך הכל סומע צוגעשטעלט. מאדאליטי טוישונגען און אנדערע אינפארמאציע טוישונגען קענען אויך אפעקטירן די סך הכל טיילונג צוגעשטעלט און/אדער חודש'ליכע ערווארטעטע טיילונג סומעס.

**אפליקאציע אריינגעבונג פאדערונגען: טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג**

בארעכטיגטע טשיילד קעיר פראווײדערס מוזן אריינגעבן אן עלעקטראנישע אפליקאציע צו OCFS נוצנדיג די אנליין פארטעל. אויב פראווײדערס האבן נישט צוטריט צו א קאמפיוטער, וועט הילף זיין אוועילעבל דורך זייער לאקאלע טשיילד קעיר רעסורס און רעפערעל (CCR&R) אגענטור אדער UFT, CSEA, אדער WHEDco. די אנליין אפליקאציע קען ווערן אריינגעגעבן אנגעהויבן פון אוגוסט 3, 2021, ביז נאוועמבער 30, 2021 אום 11:59 PM.  אפליקאציעס באקומען ביי OCFS נאך די דעדליין וועלן נישט ווערן איבערגעקוקט. איינמאל אן אפליקאציע ווערט איבערגעקוקט און באשטעטיגט דורך OCFS, וועלן פראווײדערס ווערן געמאלדן פון סייער טיילונג דורך אימעיל פון OCFS.

טשיילד קעיר פראווײדערס זענען נישט פארלאנגט צו צושטעלן דאקומענטאציע מיט זייער אפליקאציע, אבער זיי מוזן צייגן זייער געשאצטע חודש'ליכע אפעראציע קאסטן צו זיין איינשטימיג מיט די אמעריקאנע רעטונג פלאן אקט. סטאביליזירונג געלטער זענען נישט באזירט אויף צוריקצאלן און קענען ווערן גענוצט פאר פריערדיגע אויסגאבן וואס האבן זיך אנגעזאמלט ביים פראגראם נאך יאנואר 31, 2020 אזוי לאנג ווי זיי זענען געווען פארבינדן מיט די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי. פראווײדערס האבן ביז 9/30/2023 צו מאכן סיי וועלכע צאלונגען פאר ערלויבטע סטאביליזירונג געלטער נוצן איינגעזאמעלט ביז 9/30/2023 אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען און באדינגונגען פון דעם טיילונג געלעגנהייט.

**באוויז פאר פראוויידערס**

טשיילד קעיר פראוויידערס מוזן אויפוויזן אז זיי קומען נאך געוויסע פאדערונגען פאר די גאנצע צייט וואס זיי באקומען טיילונג צאלונגען. פראוויידערס מוזן באשטעטיגן אין זייער אפליקאציע אלע דערקלערונגען צו קענען באקומען זייער טיילונג.

באוויז טערמינען און באדינגונגען:

מיטן צושטימען צו די טערמינען און באדינגונגען און אריינגעבן אן אפליקאציע פאר די טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג, באשטעטיג איך אז אלע אינפארמאציע וואס איז צוגעשטעלט געווארן אלס טייל פון די אפליקאציע איז אמת און ריכטיג לויט מיין בעסטע וויסנשאפט און שטים צו צו יעדע פון די פאלגנדע דערקלערונגען;

- איך וועל זאפארט מעלדן פאר די אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס (OCFS) סיי וועלכע ענדערונגען פון אינפארמאציע וואס ווערט צוגעשטעלט אין די אפליקאציע, אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו,
  - די שליסונג פון מיין טשיילד קעיר פראגראם,
  - מיין לעגאל עקזעמפט גרופע פראגראם שטעלט מער נישט צו קיין סערוויס פאר פאמיליעס מיט סובסידיס
  - מיין טשיילד קעיר פראגראם וועט נישט זיין אפען סעפטעמבער 20, 2021, אדער ביז דרייסיג טעג פון אפליקאציע, אויב עס איז יעצט פארמאכט, וועלכע עס איז שפעטער.
- איך פארשטיי אז אויב מיין טשיילד קעיר פראגראם ווערט פארמאכט אויף שטענדיג דורכאויס דעם טיילונג טערמין, מוז איך צוריקגעבן אלע אומאויסגעגעבענע געלטער און איך בין מער נישט בארעכטיגט צו באקומען קיין שום טיילונג געלטער. די טיילונג אפליקאציע טערמין ענדיגט זיך נאוועמבער 30, 2021, און געלטער קענען גענוצט ווערן ביז 9/30/2023 אזוי לאנג ווי דער פראגראם איז אפען און סערווירט קינדער, אדער איינגעשריבן און סערווירט פאמיליעס וואס באקומען א טשיילד קעיר סאבסידי.
- איך שטים צו אז מיין פראגראם וועט אויספאלגן אלע OCFS רעגולאציעס און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט אנווייזונגען, און ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און מענטל היגיענע רעגולאציעס אויב שייך, און בלייבן אין א גוטע צושטאנד (ווי אפגעטייטשט אינעם דערקלערונג פון טיילונג געלעגנהייט) און, ווי ווייט מעגליך, איינפירן פאליסיס אין איינקלאנג מיט די אנווייזונגען פון די סענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (CDC) (וואס איז אוועילעבל אויף https://www.cdc.gov/coronavirus/2019-ncov/community/schools-childcare/guidance-forchildcare.html).

**ערלויבטע נוצן פון די טשיילד קעיר פראגראם סטאביליזירונג געלטער**

פאר צוועקן וואס ערלויבט אונטער די [פעדעראלע אנווייזונגען](), אריינגערעכנט:

- שטאב קאסטן, אריינגערעכנט פעי ראל, געהאלט, ענליכע איינגעשטעלטע פארגיטיגונג, איינגעשטעלטע בענעפיטן, ריטייערמענט קאסטן, עדיוקעשינאל קאסטן, טשיילד קעיר קאסטן; און געשטיצטע שטאב אויסגאבן אין צוקומען צו COVID- 19 וואקסינען
- רענט (אריינגערעכנט אונטער א ליס אפמאך) אדער באצאלונג אויף סיי וועלכע מארגעדזש פליכט, יוטיליטיס, אינשורענס; אויך, קען עס מעגליך אריינרעכענען שפעטע קאסטן אדער קאסטן פארבינדן צו שפעטע באצאלונגען

- o פאסיליטי מעינטענענס אדער פארבעסערונג, אפגעטייטשט אלס מינדערוויכטיגע רענאוועישאנס, ארייגערעכנט דרויסנדיגע לערנען פלעצער/שפיל פלעצער, און מינדערוויכטיגע פארבעסערונגען צו אדרעסירן COVID- 19 זארגן
- o פערזענליכע באשיצנדע געצייג, רייניגן און סאניטעשאן געצייג און סערוויסעס, אדער טרענירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פארבינדן צו געזונטהייט און זיכערהייט פירונגען
- o איינקויפונגען אדער אפדעיטס צו געצייג און סופלייס צו רעאגירן צו COVID-19
- o פראדוקטן און סערוויסעס וואס זענען נויטיג כדי צו אנהאלטן אדער פארזעצן טשיילד קעיר סערוויסעס
- o מענטל העלט שטיצע פאר קינדער און ארבעטערס
- o געזונטהייט און זיכערהייט טרענירונגען פאר שטאב, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו CPR, ערשטע הילף, און געבן מעדיצין

דאס רעכנט אריין צוריקצאלן פאר קאסטן וואס האבן זיך אנגעזאמעלט פון יאנואר 31, 2020, פאר אויסגאבעס געמאכט צוליב די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי, אין סיי וועלכע פון די קאטעגאריעס אויבן, אויב די קאסטן זענען נאכנישט צוריקגעצאלט געווארן דורך אנדערע טיילונגען אדער פראגראמען.פראוויידערס האבן ביז 9/30/2023 צו מאכן סיי וועלכע צאלונגען פאר ערלויבטע סטאביליזירונג געלטער נוצן איינגעזאמעלט ביז 9/30/2023 אין איינקלאנג מיט די פאדערונגען און באדינגונגען פון דעם טיילונג געלעגנהייט.

- OCFS אדער אירע אגענטורן קענען האלטן אן אויג אויף די אפליקאציע און די באנוץ פון די געלטער כדי צו פארזיכערן די פונקטליכקייט פון די אינפארמאציע וואס איך האב צוגעשטעלט און די פאסיגע באנוץ פון געלטער.
- איך פארשטיי אז צו יעדע צייט, קען איך פארלאנגט ווערן צו צייגן רעקארדס פאר באשטעטיגונג אריינגערעכנט רעסיטעס און באוויז פון באצאלונג צוועקן פאר אן אודיט פון סיי וועלכע טשיילד קעיר סטאביליזירונג געלטער.
- איך שטים צו צושטעלן אינפארמאציע און שטיצנדע דאקומענטן ווי פארלאנגט.
- איך שטים צו צוצושטעלן, פאר אודיט צוועקן, צוטריט צום טשיילד קעיר פאסיליטי פאר וועלכע די אפליקאציע איז אריינגעגעבן געווארן, אינפארמאציע און דאקומענטאציע פארבינדן מיט די אפליקאציע און באנוץ פון געלטער, און צוטריט צו אינטערוויו'ען טשיילד קעיר שטאב מיטגלידער אין פארבינדונג מיט די אפליקאציע און די באנוץ פון די געלטער וואס מען האט באקומען.
- איך מוז אנהאלטן שטיצנדע דאקומענטאציע פאר א תקופה פון פינעף יאר און עס זאפארט אריינגעבן צו OCFS אויפן פארלאנג.
- איך פארשטיי אז צושטעלן פאלשע אדער אומפונקטליכע אינפארמאציע אויף די אפליקאציע אדער אומפאסיגע באנוץ פון געלטער וועט רעזולטירן אינעם צוריקגעבן אדער צוריקבאצאלן די געלטער. איך שטים צו צוריקצאלן געלטער ווי געפאדערט דורך OCFS.
- איך שטים צו אז די אנפירונג אויסגאבן וואס זענען אריינגערעכנט אין די אפליקאציע זענען אמת פאר מיין טשיילד קעיר פראגראם
- איך שטים צו צו באריכטן די באנוץ פון געלטער וואס איך באקום צו OCFS אדער אירע אגענטורן אויפן פארלאנג.
- איך שטים צו נישט צו פארמינערן קיין געהאלט אדער בענעפיטן פון ארבעטער פון מיין טשיילד קעיר פראגראם פארן פארלויף פונעם טיילונג. פאר יעדע ארבעטער פונעם טשיילד קעיר פראגראם, שטים איך צו צו באצאלן אמווייניגסטנס דעם זעלבן סכום אין

וועכענטליכע וועידזשעס און אנהאלטן די זעלבע בענעפיטן (אזוי ווי העלט אינשורענס און רעטייערמענט, אויב שייך) פארן פארלויף פונעם טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג. איך שטים צו צו פארמיידן די אומפרייוויליגע פריילאזונג פון ארבעטער פונעם דאטום פון אפליקאציע אריינגעבן ביזן פארלויף פון די טיילונג תקופה.

- איך שטים צו צושטעלן פארלייכטערונג פון קאפעימענטס און שכר לימוד באצאלונגען פאר פאמיליעס וואס זענען איינגעשריבן אין מיין טשיילד קעיר פראגראם, ווי ווייט מעגליך, און פריאריטיזירן אזעלכע פארלייכטערונג פאר פאמיליעס פאר וועמען עס איז שווער צו מאכן סיי וועלכע סארט באצאלונג.
- איך שטים צו אז איך קען נישט נוצן טשיילד קעיר סטאביליזאציע צו באצאלן פאר אויסגאבן וואס זענען אויסדרוקליך געדעקט דורך אן אנדערע אויסערליכע קוואל, צ.ב. די פעיטשעק באשיצונג פראגראם (PPP), אדער צו איבערשטייגן אנדערע פעדעראלע אדער סטעיט געלטער.
- איך מוז אויסגעבן אלע טשיילד קעיר סטאביליזירונג געלטער ביז סעפטעמבער 30, 2023.
- איך האב געליינט און שטים צו צו די טערמינען און באדינגונגען און איך בין אן אויטאריזירטער פערזאן צו אריינגעבן די אפליקאציע.

זענט איר א העד סטארט\אורלי העד סטארט\סטעיט-באצאלטע פרי-K פראוויידער? יא\ניין

אויב יא: איך שטים צו אז סיי וועלכע געלטער וואס איך באקום פון די טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג וועט נישט איבערשטייגן אנדערע העד סטארט\אורלי העד סטארט\סטעיט-באצאלטע פרי-K אדער זיין דאפלט פון אנדערע פעדעראלע געלטער פאר זיצן אינעם טשיילד קעיר פראגראם.

## <u>**פראוויידער באריכטן:**</u>

OCFS איז פארלאנגט צו זאמלען די פאלגענדע אינפארמאציע פון טשיילד קעיר פראוויידערס וואס באקומען סטאביליזירונג טיילונגען:

- פראוויידער אדרעס, אריינגערעכנט סיף קאוד
- ראסע און עטנישקייט פון פאמיליע/גרופע פאמילעס דעי קעיר פראוויידער; צענטער און SACC דירקעטאר
- מין פון צענטער דירעקטאר אדער פאמיליע טשיילד קעיר פראוויידער אייגנטומער
- אויב דער פראוויידער איז אפען און אוועילעבל צו צושטעלן טשיילד קעיר סערוויסעס אדער פארמאכט צוליב די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי
- וויאזוי געלטער זענען גענוצט געווארן אין בארעכטיגטע קאסטן קאטעגאריעס
- דאקומענטאציע צו באווייזן אז פראוויידערס קומען נאך די פארלאנגטע סערטיפיקעישאנס

אויך, טוט OCFS ערוווארטן צו זאמלען באגרעניצטע אינפארמאציע פון פראוויידערס צו קענען אויספולן דאטע באריכטן פעלדער פארלאנגט דורך די ARPA קוועלער.

## <u>**פראוויידער טעכנישע הילף איניציאטיוו**</u>

OCFS שטעלט צו טיילונגען צו די טשיילד קעיר רעסורס און רעפערעל (CCR&R) אגענטורן דורכאויס די סטעיט, אין צוגאב צו אנדערע שותפות'דיגע ארגאניזאציעס אריינגערעכנט CSEA און UFT, און WHEDco, צו קענען צושטעלן טעכנישע הילף צו שטיצן טשיילד קעיר פראוויידערס וואס פולן אויס זייער סטאביליזירונג אפליקאציע. CCR&Rs וועלן זיך פארבינדן מיט און עטנפערן פראגעס פון פראוויידערס וואס בעטן הילף אדער קענען נישט אליין אויספולן די אפליקאציע.

CCR&Rs וועלן אויך ארבעטן מיט טשיילד קעיר פראוויידערס צו צושטעלן טרענירונג אויף פארלאנגטע דאקומענטאציע פאר בארעכטיגטע אויסגאבן אין פאל פון אן אודיט ווי אויך וויאזוי צו אריינרעכענען סטאביליזירונג געלטער אין ענדע-יאר שטייער באריכטן. קאנטאקט אינפארמאציע פאר אלע TA שותפים קען מען געפינען דא אויפן סטאביליזירונג טיילונג וועב בלאט.

**ביילאגע א:**

**2021 טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונגען -** סך הכל טיילונג סומע פער טשיילד קעיר פראגראם

דעי קעיר צענטערס סך הכל טיילונג סומעס:

| | **דעי קעיר צענטער (DCC)** | | |
|---|---|---|---|
| **מאקסימום (Capacity)** | **NYC** | **דאונסטעיט** | **ROS** |
| 7-50 קינדער | **$53,200** | **$53,200** | **$38,700** |
| 51-100 קינדער | **$108,600** | **$108,600** | **$78,900** |
| 101-150 קינדער | **$149,300** | **$149,300** | **$108,500** |
| 151-200 קינדער | $**164,700** | $**164,700** | $**119,700** |
| 201-250 קינדער | $**179,100** | $**179,100** | $**130,200** |
| 251+ קינדער | $**203,000** | $**203,000** | $**147,600** |

שולע עלטער טשיילד קעיר סך הכל טיילונג סומעס:

| | | **שולע עלטער טשיילד קעיר (SACC)** | |
|---|---|---|---|
| **מאקסימום (Capacity)** | **NYC** | **דאונסטעיט** | **ROS** |
| 7-50 קינדער | **$43,700** | **$43,700** | $32,800 |
| 51-100 קינדער | **$89,200** | **$89,200** | **$67,000** |
| 101-150 קינדער | **$122,700** | **$122,700** | **$92,100** |
| 151-200 קינדער | **$135,300** | **$135,300** | **$101,600** |
| 201-250 קינדער | **$147,200** | **$147,200** | **$110,600** |
| 251+ קינדער | **$166,900** | **$166,900** | **$125,300** |

פאמיליע דעי קעיר צענטערס סך הכל טיילונג סומעס:

| **פאמיליע דעי קעיר (FDC)** | | |
|---|---|---|
| **NYC** | **דאונסטעיט** | **ROS** |
| **$25,300** | **$25,300** | $19,300 |

גרופע פאמיליע דעי קעיר סך הכל טיילונג סומעס:

| גרופע פאמיליע דעי קעיר (GFDC) | | |
|---|---|---|
| **NYC** | **דאונסטעיט** | **ROS** |
| **$50,600** | **$50,600** | **$38,500** |

לעגאלע-עקזעמפט גרופע חודש'ליכע טיילונג סומעס: פראוויידערס זענען בארעכטיגט פאר חודש'ליכע טיילונגען ווי לאנג זיי האבן סאבסידי-בארעכטיגטע קינדער אין זייער קעיר. סך הכל טיילונג סומעס ווענדן זיך באזירט אויפן סטאטוס פון פראגראם בארעכטיגטקייט. מאקסימום פון לעגאלע-עקזעמפט גרופע פראגראמען מיינט די צאל קינדער וואס באקומען א סאבסידי פאר קעיר.

| | **איינגעשריבענע LE גרופע** | | |
|---|---|---|---|
| **יעצטיגע # קינדער מיט סאבסידי** | **NYC** | **דאונסטעיט** | **ROS** |
| 1-10 קינדער | **$3,990** | **$3,990** | **$2,903** |
| 11-20 קינדער | **$4,655** | **$4,655** | **$3,386** |
| 21-30 קינדער | **$5,320** | **$5,320** | **$3,870** |
| 31-40 קינדער | **$5,985** | **$5,985** | **$4,354** |
| 41-50 קינדער | **$6,650** | **$6,650** | **$4,838** |
| 51-100 קינדער | **$13,575** | **$13,575** | **$9,863** |
| 101+ קינדער | **$18,663** | **$18,663** | **$13,563** |